שמשון פערסט׳ס

# געקליבענע לידער.

טשערנאָוויץ 1922

דרוק פון פֿאַרלאַג האָרניק & בירנבוים הערענגאס 1.

# שמשונס ביכאלע.

...א רירענד ביכאלע! רירענד אפשר נאָך מעהר דורך די אויסערליכע אומשטענדען ווי דורך דעם עצם-אינהאלט: אזוי פארשפּעטיגט האָט עס דאָס ביכא־לע און אזוי עלענד איז עס...

...צוריק מיט שטארקע זעכציג יאָהר איז קיין רומעניען אראָבגעקומען דער בדחן און קאָמעדיאנט בערל בראָדער. אין די רומענישע קרעטשמעס, וואו רומענישע יודען, גראָבע-יונגען — לעבע-מענשען, האָבען געגעסען געבראָטען-געפעפערט פלייש און פארטרונקען מיט שטאַרקען וויין, האָט דער ערשטער יודישער פאָלקס-זינגער „פאָרגעשטעלט" זיינע לידער; האָט זיך א ליד אָנגעהויבען: „איך נעביך, אָרעמער שמש", איז שוין ביי איהם געווען אין איין האנד א גרויסער שטעקען און אין דער צווייטער — א ברענענדיגער לאמ־טערן; האָט זיך אן אנדער ליד אָנגעהויבען: „איך נעביך, אָרימער חזן", איז אויפ׳ן קאָפּ געווען א פארשמאָלצענע יארמאָלקע און אויף די פלייצעס א טלית או איז עס געווען א דועט פון א שניידער מיט א שוסטער (שניידערס און שוסטער זענען ביי ב. בר. ניט געווען נעביך און ניט אָרעם!) האָט ער אלע מאָל גע־בימען די כלי-זין: אָט א נאָדיל מיט א פאָדעם און אָט א נאָל מיט א דראטווע. און אז ס׳איז געקומען צום סוף:

שניידער: שענד ניט מעך!
שוסטער: איך שענד ניט דאָך
ביידע: מיר זענען ביידע פון איין צאָך,
לאָמיר לעבען וואויל און „גיט"
און טרינקען בלויז אָקוויט...

האָט זיך בערל בראָדער ממש ניט געקענט צורייסען...

די ערפאָלגען בערל בראָדערס זענען געווען — ריזיג! די אלע כלי־קודש׳דיגע בעלי-מלאכות זענען „באארבייטי" געוואָרען, אז מ׳האָט זיך „געקאט־שעט" פאר געלעכטער... דער שמש וועקט אויף א גוי צו סליחות און כאפט א שווארצען סוף. דער חזן —

איהם פֿעהלט נאָר איינס — דער אפּעטיט.
דעם ארבייטס־מאַן פֿעהלט נאָר — דאָס ברויט.
דאָ האָט איהר נאָך איין פֿאַקט.
אַז דאָס לעבען איז שלעכט איינגעפֿיהרט.
ווייל אלצדינג איז אָהן א טאקט.
ווייל דער רייכער די וועלט נאָר רעגירט.
דער רייכער טוט אלעס געניסען —
אָרעמקייט — ליידט הונגער. קעלט.
דערפֿאר בלייב איך דערביי
און זינג מיר גאַנץ פֿריי:
אַז עס מעג שוין א רוח אין דער וועלט.

באמערקונג: אין דעם לידעל „דער יודישער פֿריהלינג", פֿעהלט ביי דער דריטער שטראָף זייט 25 די פֿאָרלעצטע שורה, וועלכע לייענט זיך אזוי:

ניטש תמיד האָט יעדער מיט איהם אזוי געקנעלט